אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**וואָס וויל יבֿנה? אַ דיאַלאָג • What Does Yavneh Want? (A Dialogue)**

by Hillel Zeitlin, translation by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (March 2016)

For the online version of this translation:

http://ingeveb.org/texts-and-translations/what-does-yavneh-want-a-dialogue

# וואָס וויל יבֿנה? (דיאַלאָג)
# WHAT DOES YAVNEH WANT? (A DIALOGUE)

Hillel Zeitlin
translated by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

**Introduction:** Hillel Zeitlin (1871-1942) was the leading figure of what may be called "philosophical neo-Hasidism" among Eastern European Jews in the pre-Holocaust era. A tireless author, journalist, and polemicist, he published constantly in both the Yiddish and Hebrew presses, offering a bold new vision of contemporary spiritual life grounded in his reading of Hasidic sources. But Zeitlin sought to become an activist as well as a literary figure. He was especially concerned with the situation of the rootless Jewish youth. Throughout his career as a public figure, beginning shortly after World War I, he issued calls for a new organization of Jewish life. In a series of articles published in the 1920s, he sought to form an elite Jewish spiritual fraternity to be called *Yavneh*, which was the most fully elaborated of his attempts at intentional community.

The following is an excerpt from a privately published pamphlet called *Di teyve* (די תּבֿה) that appeared in 1924, which outlined the goals and principles of the *Yavneh* group.

To read more essays written by Zeitlin about *Yavneh* see: https://ingeveb.org/texts-and-translations?tag=yavneh.
For more background on Zeitlin's *Yavneh*, please read the longer scholarly introduction here: http://ingeveb.org/articles/the-great-call-of-the-hour-hillel-zeitlins-yiddish-writings-on-yavneh

# What Does Yavneh Want? (A Dialogue)

**What does Yavneh want?**

Yavneh wants to bring the old Hasidism, that of the BeSHT, back to life and establish it on foundations that are more suitable in the present time of "Messiah's footsteps."[1]

**Of what does this old BeSHTian Hasidism consist?**

Of three loves: the love of God, the love of Israel, and the love of Torah.

**How did the BeSHT understand the "love of God"?**

Until the BeSHT, even the purest love of God (and we speak here only of the love of God in its purest form. Those who love God because He gives them health, long life, glory, and wealth are not being considered here at all) was conceived only like the love of a "glorious king" or a "great sage." Maybe, in the best case, it was like the way one loves a father. But the BeSHT came and taught that one must love with a terrible thirst, a terrible burning, a terrible passion that fills the entire soul and body in such a way that no room for anything else remains.

**Was the BeSHT the first to conceive of the love of God this way?**

Long before the BeSHT there were those who saw the love of God as a passion that endures the entire time the person remains in their body and does not have an actual "outpouring of the soul."

**Who were they?**

R. Eleazar Rokeaḥ, R. Yehudah he-Hasid, and in the time of the BeSHT, R. Ḥayyim ibn Attar.

**And how did such enlightened Jews as R. Bahya Ibn Pakuda, Maimonides, and many others understand the love of God?**

They understood "love" as an act of the mind, of consciousness, of knowledge.

**And R. Eleazar Rokeaḥ, R. Yehudah he-Hasid, R. Ḥayyim ibn Attar, and the BeSHT think that "love" is not an act of mind, consciousness, or knowledge?**

They require these as well. But they demand that the love of the Most High take in the entire person: his *rava de-ravin* (the highest form of passion, the desire of all

[1] I.e. the final period before the arrival of the Messiah and the dawning of a new age. See, inter alia, m. Sotah 9:15, b. Sanhedrin 97a; and cf. Ps. 89:52.

desires[2]), all of his particular desires, all of a person's senses, the totality of one's passion, all one's lust for life, all thoughts, all words, all deeds!

**Did they come to this all-consuming love just out of their own souls, or were they somehow aided by the ancients?**

They saw this love in the words of the poet: "As the hart pants after streams of water, so does my heart pant for You, O God" . . . "My soul thirsts for God, for the living God" (Ps. 42:2-3). . . . "Who else do I have in heaven? I want none but You in the earth. . . . My flesh and heart wear away, O rock of my heart; God is my portion forever" (Ps. 73:2526).

**If Rokeaḥ, Yehudah he-Ḥasid, the BeSHT, and ibn Attar saw this in the words of the poet, what did they add to it?**

Everyone knows these words of the poet. But they are taken as only the poetry of a chosen one in special moments of divine inspiration. Along came the Rokeah, R. Yehudah, ibn Attar, and the BeSHT, and they made it a requirement for every individual in every hour and moment, for every blink of the eye, like the air we breathe.

**And what did the BeSHT in particular add to this?**

For the Rokeaḥ, R. Yehudah, and ibn Attar, this all-consuming love was a "positive commandment," alongside all the other positive commandments. But for the BeSHT it is the foundation of everything. He never stops talking about it in all his teachings, stories, and aphorisms.

**And how did the BeSHT understand the "love of Israel"?**

He once said to someone: "Believe me, I love the worst Jew in the world much more than you love your favorite child." This is what love of Israel meant to the BeSHT.

**And what did the "love of Torah" mean to him?**

If you understand "Torah" only as sharp-minded, expert, deep learning, then you can find love of Torah among other great sages and righteous folk, perhaps even more than in the BeSHT. But the BeSHT's love of Torah touches especially upon the light of Torah, the hidden light, attachment to God through the letters of the Torah, the "worlds, souls, and divinity" that exist within every letter. Those letters combine to form words, and out of the joining of these words are formed awesome unifications, bringing near the coming of messiah.

**And why do you call all this a "return to the original Hasidism" of the BeSHT? Why don't you simply say: "to Hasidism"?**

Because today's Hasidism is very far from the pure Hasidism of the BeSHT.

[2] Zohar 2:88b

**In what way has today's official Hasidism turned away from the pure Hasidism of the BeSHT?**

Simply in the fact that it no longer possesses that love of God, Israel, and Torah.

**What do you mean?**

Very simple. Today's Hasidim still *talk* about all these things. But they mix all sorts of incidental things in with them—fanciful interpretations, homilies, intellectual games—until the main point is obscured. Second—and this is really the most important thing—for some of today's Hasidim their Hasidism has become a purely external matter. They study without a real taste for it; they pray in the same way. They pursue wealth and glory no less, and sometimes even more, than non-Hasidim. They're always busy praising their own rebbes and castigating all the others, along with their disciples. They've set up rebbes' courts and dynasties and get all involved in the politics of these. They spend a good part of their lives fighting about rabbis, ritual slaughterers, and other religious functionaries. They consider only themselves to be proper Jews and everyone else to be nothing at all. They make Hasidism consist entirely of external manners, outer dress, and outward customs. They regularly mix fanaticism with piety. They persecute young people over petty and foolish matters, sometimes pushing them far from Jewish religious life with their very hands. . . .

**Are you claiming that today's Hasidim contain even less true and pure Judaism than the non-Hasidim?**

God forbid! First, I'm only speaking here about a portion of today's Hasidim, not about all. Certainly there are other sorts of Hasidim present today as well: those who bear a deep inwardness, a deep attachment, a passionate love of God. They have love for all Jews, a love of truth and a longing for peace, a strong, clear understanding of all that is happening around them. Second, even the other Hasidim, those of outwardness and dress, still have lots of good qualities, things that belong to all Jews. Whatever failings a contemporary Hasid may have, he still bears a certain sense of shame, a fear of God, a brokenness, something of modesty, humility, a leaning toward lovingkindness, goodness, and love. But all—the inward Hasidim, those who concentrate on the externals, and just ordinary Jews—today need a new light that will shine into their souls, a Hasidism of the future, rays of messiah's light.

**Does Yavneh want to be that "Hasidism of the future," that "ray of messiah's light"?**

That Hasidism is not yet here. The rays of messiah's light show themselves hardly at all, only to those most pure of sight. But Yavneh wants to prepare for that future. Yavneh seeks, bit by bit, to qualify individuals for it. It wants to create vessels to contain that light, which must come sooner or later.

**And in what way will the "Hasidism of the future" be differentiated, not only from today's external Hasidism, but from that which is inward, and even from the Hasidism of the BeSHT?**

Differentiated from inward Hasidism and from that of the BeSHT? Not at all! On the contrary, it will be built entirely on the Hasidism of the BeSHT. But what then? It will go farther, broader, and deeper, appropriate to these messianic times.

**What will that going farther, that broadening and deepening, consist of?**

In the time of the BeSHT it was enough for Israel to shine a light for itself. In these times, in a time when a world is being destroyed and a new one is being built, Israel has to be a light for itself and for all peoples, as in the verse: "I the Lord call you in righteousness and hold fast to your hand, making you as a covenantal people, a light to the nations" (Isa. 42:6). And scripture also says: "Is it easy for you to be My servant, to raise up the tribes of Jacob and restore the guarded ones of Israel? I have made you a light unto the nations, so that My salvation reach the ends of the earth" (Isa. 49:6). And it also says: "Then I will turn all the nations toward a clear tongue so that they all might call upon the name of the Lord, to serve Him together" (Zeph. 3:9).

**And of what else?**

In the time of the BeSHT Jews sought the light of Torah only in the Torah itself. Sometimes they also sought it out in the folktales of other peoples, in which they discovered the hidden light. ("Declare His glory among the nations," Ps. 96:3, according to a profound remark of Rabbi Nahman, means that "the glory of God cries forth from all things, even from tales told by the non-Jews.")[3] But in the times of this final great purification we need to seek out the Torah-light in all the finest works of art, in all forms of worldly knowledge. We need to approach these with a certain light in our hands, with a particular kind of attentiveness. "A candle of the Lord is the human soul, searching out all the belly's chambers" (Prov. 20:27), which will separate, seek out and search, and cast aside heaps of lies in order to get at the kernel of truth. . . .

**And in what else?**

In the time of the BeSHT the class conflicts among people were not yet so sharply defined. The demand for social justice had not yet been articulated in full seriousness and honesty. In our time, we are advancing – although through terrible wrongs that are taking place in the world – toward a more just and honest relationship with those who work with sweat on their brows. The "Hasidism of the future" will thus incorporate all that is healthy, pure, and honest in socialism. But it will with great bitterness cast aside all in socialism that is petty, egotistical, merchant-like in its materialism, unjust, jealous, or vengeful. It will reject the dark and wild tyranny of the masses and of those adventurers who climb up on the backs of the masses.[4]

---

[3] *Sihot ha-Ran* #52, commenting on the verse, "Tell of His glory among the nations" (Ps. 96:3).

[4] It is noteworthy that 1924 was the year Stalin succeeded Lenin in leadership of the Soviet Union. Events in Russia were very keenly on the minds of Warsaw's Jews. Although they could not have predicted the

In the Hasidism of the future the love of God will shine forth and burn even more brightly than it did in the days of the BeSHT. The "Love of Israel" will be transformed into a great worldwide "Love of Humanity." Nevertheless, Israel will always be recognized as the firstborn child of God, the one who has borne, continues to bear, and will continue to bear the godly light. "Love of Torah" will spread forth over all that breathes with sublime wisdom, after the inner light teaches the Jews to distinguish between that within the worldly sciences which is of the divine mind and that which is just self-proclaimed human delusion, errors, and lies. "Justice, justice shall you pursue" (Deut. 16:20) will be spread through all social relationships. Justice will be demanded not only of the opposing class (as both the capitalists and the proletariat do today), but people will demand justice of *themselves*. Pursuit of justice will be not only a public matter (as it is today), but rather one of individual concern. Each person will think not about how to avoid being *exploited*, but rather about how to avoid *exploiting the other*.

**Perhaps you could outline for me, just briefly, how you see the true Hasid of the future, that for which the Yavneh member is preparing.**

I'll try to do so. The Hasid of the future will live only from his own physical labor. He will exploit no one in the world, doing not even the slightest harm to anyone. He will partake of God's own holiness, living in uninterrupted communion with the Endless. He will be consumed by divine fire while praying, will study Torah with an inner godly light, will seek and find everywhere the light of Torah and messianic light. In all his thoughts and deeds he will strive only for true peace and unity. He will be filled with love and compassion for every Jew and non-Jew, for every creature. He will long to raise up the form of the Shechinah in the Holy Land and to spread her light through all the world. He will be a great seer and a great knower. In his own eyes he will be as nothing at all, having not just an external veneer of modesty but a deep inner recognition, a full consciousness that he is "just a small creature, lowly, dark, standing with but a weak mind before the One who knows perfectly."[5] In every moment he will be a true "chariot" for the divine, a true servant of God, a faithful messenger.

terrible atrocities Stalin would commit in the '30s and '40s, Polish Jews were aware of the foment and terrible violence in the wake of the Russian Revolution of 1917 and the early years of the Soviet state.

[5] Maimonides, hilkhot yesodei ha-torah 2:2

# וואָס וויל יבֿנה? (דיאַלאָג)

**וואָס וויל יבֿנה?**
„יבֿנה“ וויל אויפֿלעבן דעם אַלטן חסידיזם פֿונעם בעש״ט און אַוועקשטעלן אים אויף יסודות, וואָס זענען מער צוגעפּאַסט צו יעצטיקער צײַט פֿון עיקבֿתא־דמשיחא.

**אין וואָס איז באַשטאַנען דער אַלטער חסידיזם פֿונעם בעש״ט?**
אין דרײַ אַהבֿות: אַהבֿת־המקום, אַהבֿת־ישׂראל, און אַהבֿת־התּורה.

**ווי האָט דער בעש״ט פֿאַרשטאַנען „אַהבֿת־המקום“?**
ביזן בעש״ט האָט מען פֿאַרשטאַנען אַפֿילו די ריינסטע „אַהבֿת־המקום“ (און נאָר וועגן ריינער אַהבֿה רעדט זיך דאָ, ווײַל וועגן די, וואָס האָבן ליב דעם אייבערשטן נאָר דערפֿאַר, וואָס ער גיט זיי געזונט, אַריכות־ימים, עושר וכּבֿוד, – רעדט מען דאָ בכלל ניט) נאָר ווי איינער האָט ליב אַ „מלך מפֿואר“ אָדער ווי איינער האָט ליב אַ „חכם גדול“, אין בעסטן פֿאַל, ווי איינער האָט ליב זײַן פֿאָטער. איז אָבער געקומען דער בעש״ט און האָט געלערנט, אַז מע דאַרף ליב האָבן מיט אַ געוואַלדיקן צמאון, מיט אַ געוואַלדיקן ברען, מיט אַ געוואַלדיקער לײַדנשאַפֿט, וואָס פֿילט אָן די גאַנצע נשמה מיטן גאַנצן קערפּער אַזוי, אַז עס בלײַבט פֿאַר עטוואָס אַנדערש גאָר קיין שום אָרט ניט.

**איז געווען דער בעש״ט דער ערשטער, וואָס האָט אַזוי אויפֿגעפֿאַסט די ליבשאַפֿט צו השי״ת?**
שוין גאַנץ לאַנג פֿאַרן בעש״ט זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען „אַהבֿת־ד׳“ ווי אַ לײַדנשאַפֿט, כּל־זמן דער מענטש איז נאָך אין קערפּער און האָט ניט קיין כּלות־הנפֿש בפֿועל־ממש.

**ווער זענען זיי געווען?**
ר׳ אליעזר רוקח, ר׳ יהודה החסיד, און אין די צײַטן פֿונעם בעש״ט – רבי חיים בן־עטר.

**און ווי האָבן פֿאַרשטאַנען „אַהבֿת־ד׳“ אַזעלכע מאורי־ישׂראל, ווי רבנו בחיי אבֿן־פּקודה, רמב״ם, און פֿיל אַנדערע?**
זיי האָבן די „אַהבֿה“ אויפֿגעפֿאַסט אַלס אַקט פֿון שׂכל, פֿון הכּרה, פֿון ידיעה.

**און ר׳ אליעזר רוקח, רבי יהודה חסיד, בן־עטר, און בעש״ט אָנערקענען גאָר ניט אין „אַהבֿה“ קיין שׂכל, קיין הכּרה, און קיין ידיעה?**
זיי פֿאָדערן אויך שׂכל, הכּרה, און ידיעה. זיי פֿאָדערן אָבער דערבײַ, אַז די אַהבֿה צום אייבערשטן זאָל אײַנשלינגען דעם **גאַנצן** מענטשן: זײַן רעוואָ־דרעווין (דער אייבערשטער ווילן, דער ווילן איבער אַלע ווילנס), אַלע זײַנע איינצלנע רצונות, אַלע זײַנע חושים, זײַן גאַנצן חשק, זײַן גאַנצן לעבנסלוסט, אַלע זײַנע מחשבֿות, אַלע זײַנע דיבורים, און אַלע זײַנע מעשׂים!

**האָבן זיי נאָר פֿון זייערע אייגענע נשמות אַרויסבאַקומען אַזאַ אַלץ־אויפֿעסנדיקע אַהבֿה אָדער זיי האָבן זיך דערבײַ געשטיצט אויך אויף די קדמונים?**
זיי האָבן אַזאַ אַהבֿה געזען בײַם משורר:

כּאַיל תּערוג על אַפֿיקי מים כּן נפֿשי תערוג אליך אלקים...
צמאָה נפֿשי לאלקים לאל חי...
מי לי בשמים ועמך לא חפֿצתּי בּאָרץ...
כּלה שארי ולבֿבֿי צור לבֿבֿי וחלקי אלקים לעולם...

**ווען רוקח, ר׳ יהודה החסיד, בעש״ט, און בן־עטר האָבן עס געזען בײַם משורר, וואָס האָבן זיי דאָ ווידער אויפֿגעטאָן?**
די ווערטער פֿונעם משורר ווייסן אַלע. מע נעמט עס אָבער אָן נאָר פֿאַר אַ שירה פֿון אַן אויסגעוויילטן אין באַזונדערע מינוטן פֿון רוח־הקודש, זענען געקומען רוקח, ר׳ יהודה חסיד, בן־עטר, און בעש״ט און האָבן דערפֿון געמאַכט אַ נויטווענדיקייט פֿאַר יעדן איינציקן אין יעדער שעה און אין יעדן אויגנבליק, אַזוי ווי לופֿט צו אָטעמען.

**און וואָס זשע האָט דאָ מחדש געווען דער בעש״ט באַזונדער?**
בײַם רוקח, בײַ ר׳ יהודה החסיד, און בײַ ר׳ חיים בן־עטר איז די דערמאָנטע אַלץ־אויפֿעסנדיקע אַהבֿה, דאָך נאָר אַ „מיצוות־עשׂה“ ווי אַלע אַנדערע „מיצוות־עשׂה“. בײַם בעש״ט איז עס אָבער – אַ יסוד פֿון אַלץ. ער הערט ניט אויף צו רעדן וועגן איר אין אַלע זײַנע תּורות, מעשׂיות, און ווערטלעך.

**און ווי האָט דער בעש״ט פֿאַרשטאַנען „אַהבֿת־ישׂראל“?**
אַ מאָל האָט דער בעש״ט געזאָגט צו איינעם: „מעגסט מיר גלייבן. איך האָב ליב דעם ערגסטן ייִדן אין דער וועלט פֿיל מער ווי דו האָסט ליב דײַן בעסטן קינד“...

אָט דאָס האָט בײַם בעש״ט געהייסן „אַהבֿת־ישׂראל“.

**און וואָס האָט בײַם בעש״ט געהייסן „אַהבֿת־התּורה“?**
אויב מע זאָל פֿאַרשטיין אונטער „תּורה“ נאָר דאָס לערנען מיט חריפֿות, בקיאות, און עמקות דאַן קען מען געפֿינען אַזאַ „אַהבֿת־התּורה“ אויך בײַ אַנדערע גאונים און צדיקים, און אפֿשר נאָך מער ווי בײַם בעש״ט. די „אַהבֿת־התּורה“ פֿונעם בעש״ט רירט אָבער אָן איבערהויפּט דעם אור־תּורה, דעם אור־הגנוז, די דבֿקות בד׳ יתברך דורך די אותיות־התּורה, די „עולמות, נשמות, ואלהות“, וואָס זענען דאָ אין יעדן אות און פֿון די אותיות ווערן ווערטער און פֿונעם צירוף פֿון די ווערטער ווערן ייִחודים־נוראָים, וואָס זענען מקרבֿ ביאת־המשיח.

**און פֿאַר וואָס הייסט אַלץ בײַ דיר „אומקערן זיך צום אורשפּרינגלעכן חסידיזם“ פֿונעם בעש״ט? פֿאַר וואָס זאָגסטו ניט איינפֿאַך: „צום חסידיזם“?**
ווײַל דער הײַנטיקער חסידיזם איז אַוועק זייער ווײַט פֿונעם ריינעם חסידיזם פֿון בעש״ט.

**אין וואָס איז דער הײַנטיקער אָפּיציעלער חסידיזם אַוועק פֿון בעש״טס חסידיזם?**
פּשוט אין דעם, וואָס ער פֿאַרמאָגט שוין הײַנט ניט אין זיך, ניט יענע אַהבֿת־המקום, ניט יענע אַהבֿת־ישׂראל, און ניט יענע אַהבֿת־התּורה.

**וואָס הייסט?**
גאַנץ איינפֿאַך. רעדן, רעדן הײַנטיקע חסידים אויך וועגן דעם אַלעמען. זיי מישן אָבער אַרײַן דערין פֿיל זײַטיקע זאַכן, פֿיל פּשטלעך, דרושים, און פּילפּולים, אַזוי, אַז דער עיקר זעט זיך גאָר ניט אַרויס. צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר, איז דאָס חסידות הײַנט געוואָרן בײַ אַ טייל חסידים נאָר אַ ריין אויסערלעכע זאַך: מע לערנט אָן טעם; מע דאַוונט אָן טעם; מע יאָגט זיך נאָך עושר און כּבֿוד ניט ווייניקער, און אַ מאָל אויך נאָך **מער**, פֿון ניט־חסידים; מע האַלט שטענדיק אין איין לויבן דעם אייגענעם „רבי“ און אַראָפּוואַרפֿן די אַנדערע „רביים“ מיט זייערע חסידים; מע האָט אויפֿגעשטעלט רבייִשע הויפֿן מיט רבייִשע דינאַסטיעס און מע פֿירט שטענדיק די פּאָליטיק פֿון יענע הויפֿן מיט יענע דינאַסטיעס; מע פֿאַרברענגט אַ שטיק לעבן אין קריגערײַען וועגן רבנים, שוחטים, און אַנדערע כּלי־קודש; מע האַלט נאָר זיך אַליין פֿאַר שיינע ייִדן און אַלע איבעריקע ייִדן – פֿאַר נישט מיט נישט; מע שטעלט אַרײַן דאָס גאַנצע חסידות נאָר אין אויסערן הילוך, אין

אויסערלעכן לבֿוש, און אין אויסערלעכע מינהגים; מע מישט שטענדיק צונויף פֿאַנאַטיזם מיט פֿרומקייט; מע איז רודף די יוגנט פֿאַר קלייניקייטן און נאַרישקייטן און מע איז זיי טייל מאָל מדחה־בידים פֿונעם רעליגיעזן ייִדנטום...

**הייסט נאָך דיר נאָך, אַז די הײַנטיקע חסידים פֿאַרמאָגן אין זיך נאָך וויניקער עכטע און ריינע ייִדישקייט פֿון די ניט־חסידים?**

חס־ושלום! ערשטנס, האָב איך דאָ גערעדט נאָר וועגן אַ **טייל** פֿון הײַנטיקע חסידים און ניט וועגן **אַלע**. עס זענען דאָ געוויס פֿאַראַן הײַנט אויך גאָר אַנדערע חסידים: מיט אַ טיפֿער פּנימיות, מיט אַ טיפֿסטער דבֿקות, מיט פֿײַערדיקער אַהבֿה צום אייבערשטן, מיט ליבע צו אַלע ייִדן, מיט ליבע צום אמת און שטרעבונג צו שלום, מיט שטאַרקע און קלאָרע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אַרום און אַרום. צווייטנס, האָבן אַפֿילו די אַנדערע חסידים, די חסידים פֿון אויסערלעכקייט און לבֿוש, אויך פֿיל מידות־טובֿות, וואָס אַלע אַנדערע ייִדן פֿאַרמאָגן אין זיך. וואָס פֿאַר אַ פֿעלערן דער הײַנטיקער חסיד זאָל אין זיך ניט האָבן פֿאַרמאָגט ער דאָך אין זיך שטענדיק אַ געוויסע בושה, אַ געוויסע ייִראה פֿאַרן אייבערשטן, אַ געוויסע צעבראָכנקייט, עטוואָס שיפֿלות, ענווה, נייגונג צו חסד, צו גוטסקייט, צו ליבשאַפֿט. נאָר אַלע, סײַ די פּנימיותדיקע חסידים, סײַ די אויסערלעכע, סײַ סתּם ייִדן, נייטיקן זיך הײַנט אין אַ נײַעם אור, וואָס זאָל אַרײַנשײַנען אין די נשמות, אין **חסידות־שלעתיד־לבֿוא**, אין שטראַלן פֿון אורו־של־משיח...

**וויל „יבֿנה“ זײַן אָט די „חסידות־שלעתיד־לבֿוא“ און אָט די „שטראַלן פֿון אורו־של־משיח“?**

יענע חסידות אין נאָך יעצט ניטאָ. די שטראַלן פֿון אור־המשיח באַווײַזן זיך אויך יעצט קוים־קוים און דאָס אויך נאָר פֿאַר באַזונדערע זכּי־הראות. „יבֿנה“ וויל אָבער מאַכן די **הכנה** פֿאַר דעם. „יבֿנה“ וויל ביסלעכווײַז מכשיר זײַן יחידים פֿאַר דעם. זי וויל שאַפֿן כּלים פֿאַר דעם אור, וואָס דאַרף פֿריִער אָדער שפּעטער קומען.

**און אין וואָס וועט די „חסידות־שלעתיד־לבֿוא“ זײַן אָפּגעטיילט, ניט נאָר פֿון דער יעצטיקער אויסערלעכער חסידות נאָר אויך „פֿון דער פּנימיותדיקער“ און אַפֿילו פֿון בעש״טס חסידות?**

**אָפּגעטיילט** פֿון דער פּנימיותדיקער חסידות, און אַפּשיטא שוין פֿונעם בעש״טס חסידות וועט זי בשום־אופֿן־ואופֿן ניט זײַן. אַדרבה! זי וועט זײַן אין גאַנצן געבויט אויף דאָס חסידות פֿונעם בעש״ט. אלא וואָס דען? זי וועט גיין ווײַטער, ברייטער און טיפֿער, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ צײַט פֿון עיקבֿתא־דמשיחא.

**אין וואָס וועט באַשטיין אָט דאָס ווײַטער גיין, פֿאַרברייטערונג און פֿאַרטיפֿונג?**

אין דער צײַט פֿונעם בעש״ט איז גענוג געווען, אַז ישׂראל זאָל לײַכטן פֿאַר זיך. אין הײַנטיקע צײַטן, אין די צײַטן ווען אַ וועלט ווערט חרובֿ און אַ וועלט ווערט געבויט, דאַרף ישׂראל זײַן אַ ליכט אי פֿאַר **זיך**, אי פֿאַר **אַלע פֿעלקער**, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: „אַני ד׳ קראתיך בצדק ואַחזק בידך ואתנך לבֿרית עם **לאור גוים**“ און עס שטייט געשריבן: „נקל מהיותך לי עבֿד להקים את שבֿטי יעקבֿ ונצורי ישׂראל להשיבֿ ונתתּיך **לאור גוים להיות ישועתי עד קצה האָרץ**“ און עס שטייט ווידער געשריבן: „אָז אהפּך אל עמים שׂפֿה ברורה **לקרא כלם בשם ד׳**, לעבֿדו שכם אחד“.

**און אין וואָס נאָך?**

אין דער צײַט פֿון בעש״ט האָט מען געזוכט דעם אור־תּורה נאָר אין דער תּורה אַליין, אַ מאָל אויך אין סיפּורי־העולם, אין וועלכע מע האָט געפֿונען דעם אור־הגנוז („ספּרו בגוים את כּבֿודו“ לויט דער טיפֿער באַמערקונג פֿון רבי נחמנען: „מכּל הדבֿרים צועק כּבֿוד להשי״ת, אַפֿילו מסיפּורי הגוים וכו׳“). אין די צײַטן פֿונעם לעצטן גרויסן בירור מוז מען אָבער זוכן דעם אור־תּורה אויך אין די בעסטע קונסטווערק און אין וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן, צו וועלכע מע דאַרף צוגיין מיט אַ באַזונדער ליכט אין האַנט, מיט אַ באַזונדער

פֿאָרזיכטיקייט, מיטן „נר ד׳ נשמת אָדם חופּשׂ כּל חדרי בֿטן“, וואָס טיילט אָפּ, זוכט און נישטערט, וואַרפֿט אַוועק די הויפֿנס פֿון שקרים און באַקומט דעם קערנדל פֿון אמת...

**און אין וואָס נאָך?**

אין דער צײַט פֿון בעש״ט זענען נאָך ניט אַזוי שטאַרק פֿאַרשאַרפֿט געווען די קלאַסן־קעגנזאַצן צווישן מענטשן און עס איז נאָך נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן די פֿאָדערונג פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט מיט איר גאַנצער ערנסטקייט און אמתדיקייט. הײַנט גייען מיר, דורך די שרעקלעכע עוולות, וואָס ווערן דורך דער וועלט אָפּגעטאָן, דאָך צו אַ מער גערעכטער און ערלעכער באַציִונג צו די, וואָס אַרבעטן מיטן שווייס פֿון זייער פּנים. אין דער „חסידות־שלעתיד־לבֿוא“ וועט דעריבער אַרײַנגענומען ווערן אויך אַלץ, וואָס איז דאָ געזונט, ריין, און ערלעך אינעם סאָציאַליזם, כאָטש עס וועט מיט דער גרעסטער פֿאַרביטערונג אָפּגעוואָרפֿן ווערן אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ אינעם סאָציאַליזם קליינלעך, עגאָיִסטיש, סוחריש־מאַטעריאַליסטיש, אומגערעכטס, קינאהדיקס, נקמהדיקס, ווילדקייט, פֿינצטערקייט, טיראַניע פֿונעם המון און טיראַניע פֿון אַוואַנטוריסטן, וואָס קריכן אַרויף אין דער הייך אויף די פּלייצעס פֿונעם המון.

אין דער „חסידות־שלעתיד־לבֿוא“ וועט אַהבֿת־המקום לײַכטן און ברענען נאָך מער ווי אין די צײַטן פֿון בעש״ט; „אַהבֿת־ישׂראל“ וועט אַריבערגיין אין אַ גרויסער אַלוועלטלעכער „אַהבֿת־אָדם“, כאָטש ישׂראל וועט שטענדיק אָנערקענט ווערן אַלס דער בן־בכור של הקדוש־ברוך־הוא, אַלס דער וואָס האָט געטראָגן, טראָגט, און וועט טראָגן דאָס געטלעכע ליכט; „אַהבֿת־התּורה“ וועט פֿאַרשפּרייט ווערן אויף אַלץ, וואָס אָטעמט מיט חכמה־עליונה, נאָך דעם ווי דאָס אינערלעכע ליכט וועט לערנען דעם ייִדן אונטערשיידן צווישן דעם, וואָס ס׳איז דאָ אין די וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן פֿון דעת־עליון און צווישן דעם, וואָס איז דאָ אין זיי פֿון מענטשלעכע אײַנרעדענישן, טעותן, און שקרים; דער „צדק, צדק תּרדוף“, וועט פֿאַרשפּרייט ווערן אויף אַלע סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן און ניט נאָר פֿונעם צווייטן קלאַס וועט מען פֿאָדערן גערעכטיקייט (ווי עס טוען הײַנט די קאַפּיטאַליסטן פֿון איין זײַט און דער פּראָלעטאַריאַט פֿון דער צווייטער זײַט) נאָר, קודם־כּל, **פֿון זיך** אַליין און ניט נאָר אַן ענין פֿון **רבים** וועט עס זײַן (ווי עס געשעט הײַנט), נאָר אויך און איבער הויפּט, אַן ענין פֿון יעדן **יחיד**, וואָס וועט דענקען ניט אַזוי פֿיל וועגן דעם, אַז ער זאָל פֿונעם צווייטן **ניט עקספּלואַטירט ווערן**, ווי וועגן דעם, אַז **ער זאָל דעם צווייטן ניט עקספּלואַטירן**...

**אפֿשר קענסטו מיר אָנצייכענען אין קורצן, ווי אַזוי דו זעסט פֿאַר זיך דעם אמתן חסיד פֿון דער צוקונפֿט, צו וועלכן דער הײַנטיקער „יבֿנה“־מענטש דאַרף זײַן אַ הכנה?**

איך וועל עס פּרוּוון טאָן. דער חסיד פֿון צוקונפֿט וועט לעבן נאָר פֿון אייגענער פֿיזישער אַרבעט; וועט קיינעם אין דער וועלט ניט עקספּלואַטירן; וועט קיינעם אין דער וועלט ניט טאָן די מינדסטע עוולה; וועט זײַן קדוש בקדושתו־של־מקום; וועט לעבן אין איין אומאויפֿהערלעכער דבֿקות אין אין־סוף; וועט אויפֿגיין אין געטלעכן פֿײַער בעתן דאַווענען; וועט לערנען תּורה מיט אינערלעכן, געטלעכן אור; וועט זוכן און געפֿינען אומעטום דעם אור־תּורה און אורו־של־משיח; וועט אין אַלע זײַנע מחשבֿות און מעשׂים שטרעבן נאָר צום אמתן שלום און צו אמתער אַחדות; וועט זײַן פֿול מיט ליבע און רחמים צו יעדן ייִדן, צו יעדן ניט־ייִדן, צו יעדער באַשעפֿעניש; וועט שטרעבן צו אויפֿשטעלן קומת־השכינה אין ארץ־ישׂראל און פֿאַרשפּרייטן איר אור איבער גאָר דער וועלט; וועט זײַן דער גרויסער **זעער** און דער גרויסער יודע; וועט זײַן אין זײַנע אייגענע אויגן נישט מיט נישט און נישט אַן אויסערלעכע ענווה וועט עס בײַ אים זײַן, נאָר אַ טיפֿסטע אינערלעכע הכּרה, ווײַל ער וועט האָבן צו יעדער צײַט דעם פֿולן באַוווּסטזײַן פֿון דעם, אַז ער איז אַ „בריה קטנה, שפֿלה, אַפֿלה, עומדת בדעת קלה מעוטה לפֿני תּמים דעים“; וועט זײַן אין יעדער רגע אַן אמתע מרכּבֿה פֿאַרן געטלעכן, אַן אמתער עבֿד ד׳, אַ געטרײַסטער שליח.